Kornhendler, Yehezkel.
Shkheynim : shpas in eyn akt.
In: Froyen : Dertseylungen un eynakters.
Pariz, 1938.
Pp. 89-101.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1914. 6

Kornhendler, Yehezkel, 1899-
Shkheynim : shpas in eyn akt.
In: Froyen : Dertseylungen un eynakters / Yehezkel, Kornhendler.
Pariz : "Oyfgang", 1938.
Varying form of title: Title on t.p. verso: Les Femmes
Pp. 89-101 ; 20 cm.

1. Short stories, Yiddish.--lcsh 2. Yiddish drama.--lcsh
I. France-Paris

ID : NXYH02-B3030 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /21272

Reduction ratio X 10.0

שכנים

(שפאס אין איין אקט.)

פערזאנען : ליזא, 19 יאר אלט.
ראזא, 26 יאר אלט.
גרינשטיין, א מוזיקער.
יאקוב.

(די סצענע שטעלט פאר א ציכטיק אויפגערוימט שטיבל ביי ליזא׳ן אויף די פענסטער ווייסע פויערהענגלעך, בילדלעך אויף די ווענט, אן אבאזשור־לאמפ אויף א קליין טישל ביי א סאפע.)

1־טע סצענע

(ליזא און ראזא.)

ראזא : — האסטו נאר פארגעסן אז כ׳האב דיר צוגעזאגט היינט דיך צו באזוכן ? (ציט אראפ די הענטשקעס.)

ליזא : — (אומרואיק) אינגאנצן פארגעסן, אינגאנצן !

ראזא : — אזוינס האב איך מיר גארנישט פארגעשטעלט, כ׳ווייס נישט ווען וואס דו האסט עס דאמלס געטראכט, אז דו האסט נישט געהערט מיינע רייד, נישט אמאל ווען דעם בחור, ווי הייסט ער דארט ?

ליזא : — (רויט ווערנדיק) ס׳ארא בחור ?

ראזא : — נו, מאך נישט די אנשטעלן, טייערע, דו פרעגסט וואס פארא בחור, און ווייסט אויסגעצייכנט ווענען איך מיין, איך פארשטיי מיך אויף אזאלכע זאכן.

ליזא : — ניין, כ׳ווייס באמת נישט.

ראזא : — ביזט א נאר, א קליינער נאר, וואס איז זיך דא צו שע־מען, וואס פארא ווערט וואלט געהאט אונזער לעבן אן מע־נער ? כ׳קען מיר גארנישט פארשטעלן קיין לעבן אן זיי.

ליזא : — און איך ראזא פארשטיי דיך שוין גארנישט, ווי לאנג גאר אז דו האסט זיך געליבט מיט אדאלפן, און שוין ליבסטו א צווייטן.

ראזא : — א דריטן, אויב דו פרעגסט זיך שוין, נאר דער איז א העלד, אז ער נעמט מיך ארום, ציטער איך פאר פאר־געניגן

ליזא : — דו איבעראשט מיך, ווי קען מען דאס ליבן אזוי פיל מענער, ראזא ! דו שרעקסט מיך.

ראזא : — ביזט א נאר, (מאכט איר נאך) „ווי קען מען ליבן אזוי פיל מענער”, כא, כא, איי ביזטו א נאר !

ליזא : און איך האב דיך אויפגעהערט צו פארשטיין, דו שרעקסט מיך.

ראזא : — דאס איז דערפאר וואס דו ביזט נאך א נארישע קאץ, דו מיינסט מסתמה „אייביקע ליבע” ווי אין די ביכער ?

ליזא : — ניין ! נישט ווי אין די ביכער, נאר אזוי איז עס. ליבן קען מען נאר איינמאל, איין מאל קען מען געהערן, דאס איז דאס אמתע געפיל, די גאנצע שיינקייט פון דער ליבע.

ראזא : — נו, זאל זיין געגוג מיט דיין דעקלאמאציע, ווו האסטו זיך דאס אויסגעלערנט ?

ליזא : — דו באליידיקסט מיך ראזא ! איך האב דאס מיך נישט אויסגעלערנט, דאס איז מיין הייליק געפיל !

ראזא : — אזוי גאר, דיין הייליק געפיל, נו ביזטו נאך גאר א קינד, א נאר, פארשטייסט נאך גארנישט אין דער ליבע

(ס׳הערן זיך שטימען פון א צווייט צימער און זינגען א באַ־ריטאַן.) ביי דיר איז פריילעך, ווער טומלט עס דארט ?

ליזא : — דאס איז א נייער שכן, א מוזיקער גאנץ אפט נעמען זיך ביי אים צוזאמען א גאנצע כאליאסטרע און מאכן אזא טומל.

ראזא : — אזוי גאר, א נייער שכן, א מוזיקער, נו איז דיר דאך פריילעך, ווי זעט ער אויס, עפעס א סימפאטישער.

ליזא : — ניין, ער געפעלט מיר נישט !

ראזא : — ער מוז מסתמה נישט האבן אזא יונגלעריש אויסזען ווי דיין העלד וואס געפעלט דיר יא.

ליזא : — כ׳וועל דיך בעטן ראזא, נישט אפלאכן פון מיינע שענ־סטע געפילן.

ראזא : — נו, זי האט זיך שוין באליידיקט, ציטער נישט פאר אים, כ׳וועל אים קיין שלעכטס נישט טאן, איבריקנס, ווי ווייט האלסטו שוין מיט אים ?

ליזא : — (רויט ווערנדיק) וואס מיינסטו דען ?

ראזא : — (לאכט) וואס כ׳מיין, כ׳מיין ווי ווייט... (לאכט שטאר־קער.) האסט שוין פון אים כאטש א קוש באקומען ?

ליזא : — רעד נישט, לאז מיך צורו.

ראזא : — ווייסט, מיר ווערט לאנגווייליך מיט דיר, אזא מיידל ווי דו, און ציטערסט בעת מען רעד נאר וועגן א קוש, ס׳איז דאך שרעקלעך, דערצייל מיר שוין בעסער וועגן דיין שכן דעם מוזיקער, הייסט עס אז ער געפעלט דיר נישט, פאר־וואס ? ווי אלט איז ער ?

ליזא : — כ׳ווייס.. א יאר צוויי,־פיראונדרייסיק.

ראזא : — פיין, די ריכטיקע עלטער ! און ווי זעט ער אויס דער אנטיפאטישער שכן דיינער ?

ליזא : — טראכט נישט אויס קיין בילבול, כ׳האב נישט געזאגט אז ער איז אנטיפאטיש, ער איז... ד. ה. ער וואלט געוועז,

כ'מיין אז... אז ער מאכט נישט קיין שלעכטן איינדרוק, נאר מיר געפעלט ער נישט.

ראזא : — דו ווייסט שוין גארנישט וואס דו זאגסט, כ'האב דיך נאך נישט געזען אזא, זאג אז קונצן, פארוואס געפעלט ער נישט, פארוואס ?

ליזא : — פארשטייסט, ערשטנס איז ער דאך אנ'אלטער בחור, און...

ראזא : — צווייאוןדרייסיק יאר אלט, אנ'אלטער בחור, נו, ס'איז נישט צום אויסהאלטן מיט דיר (לאכט) און ?

ליזא : — און טראגט וואנסן.

ראזא : — דאס איז שיין !

ליזא : — דאס איז שיין ?

ראזא : — אוודאי איז עס שיין. נאך וואס דען, ווי דיין יונגל וואס ביזט אין אים פארליבט און שעמסט זיך מיט אים צו רעדן, עט, כ'האב מיר נישט פארגעשטעלט (ווידער א טומל, מען הערט ווידער זינגען דעם באריטאן.) דאס איז זיין שטים ? דיין שכנ'ס ?

ליזא : — יא !

ראזא : — נו, כ'מוז דיר זאגן אז דיין שכן ענטציקט מיך שוין אומבאקאנט, א מוזיקער, א שיינע שטים, אייניקע דרייסיק יאר אלט, וואנסן, דאס אלץ איז דאך א סימן פון אנ'אמתן מאן, א שטארקן, א קרעפטיקן, און דיר געפעלט ער נישט ? ווייסט א מאן אז וואנסן מאכט אויף מיר אנ'איינדרוק ווי א קאץ אז אנ'עק, א מאן דארף זיין מאן.

ליזא : — דו ביזט פארדארבן, שרעקלעך פארדארבן כ'שעם זיך פאר דיר. (מען קלאפט אין טיר.) דאס איז געווים ע... ע... (צומישט.)

ראזא : — דיין שכן ?

ליזא : — ניין ! דאס איז ער... יאקוב !

ראזא : — אט וואס ! האסט הייסט עס א ראנדעווו און מאכסט זיך אזוי אומשולדיק, כא, כא !

ליזא : — שטילער, ער וועט הערן... (מען קלאפט ווייטער.) אריין !

2-טע סצענע

(אויפטריט גרינשטיין.)

גרינשטיין : — א גוטן אוונט פריילן, איר וועט מיר ענטשולדיקן וואס כ'האב געשטערט אייער איינזאמקייט, א ! איר זענט נישט אליין, האב איך אייך זיכער געשטערט.

ראזא : — (שמייכלט ענטציקט) איר האט אונז גארנישט געשטערט.

ליזא : — ניין.

גירנשטיין : — זער גוט, (צו ראזאן) דערלויבט מיר זיך פארצושטעלן, אדאלף גרינשטיין, א מוזיקער, א שכן.

ראזא : — (קוועלט) זער אנגענעם, ליזא האט מיר שוין דערציילט וועגן אייך !

ליזא : — (ווארפט ראזאן א פארוורף־בליק)

גרינשטיין : — דאס איז זער ליבנסווירדיק און אנגענעם, כ'דאנק אייך פריילן ליזא פארן פארשטעלן מיך נאך פאר מיין אומגעריכטן דערשיינען (צו ראזא'ן) מען האט מיך אוודאי פארגעשטעלט אלס א שלעכטן שכן וואס רוישט ארום און שטערט די רו, פון זיין שטילינקער שכנטע.

ליזא : — כ'האב גארנישט געזאגט, כמעט גארנישט ווי דאס אז כ'האב א נייעם שכן.

גרינשטיין : — וואס שטערט די רו, נישט ריכטיק ?

ליזא : — ניין, ניין ! איר שטערט מיר נישט.

ראזא : — און מיר האט זי זיך מודה געווען אז אייערע וואנסן געפעלן איר נישט.

גרינשטיין : — מיינע וואנסן ? איך טראג זיי שוין פיל יאר, צערטל זיי בייטאג און ביינאכט, נאר אום צו געווינען אייער סימ־

פאטיע, פריילן ליזא, ביז איך גרייט זיי צו ברענגען פאר א קרבן.

ראזא : — אום גאטעס ווילן ! טוט דאס נישט, דאמלס וועט איר אויפהערן מיר צו געפעלן.

גרינשטיין : — כ'האב א פלאן, כ'וועל מיר אראפנעמען א האלבע וואנסע וועל איך נישט אנווערן אייער סימפאטיע, און גע־ווינען די סימפאטיע פון מיין קליינער שכנה.

ליזא : — איר מיינט דאס ערנסט ? (דערשראקן)

גרינשטיין : — אוודאי, (אלע לאכן.)

(מען הערט הויכע שטימען פון גרינשטיינס צימער).

גרינשטיין : — א מאמענט, איך לויף נאר בארואיקן מיינע חברים (אפ.)

3־טע סצענע

(ראזא און ליזא)

ראזא : — ער איז אנטציקנדיק ! דאס הייסט א מאן ! מען קען דאך שטארבן אין זיינע ארעמס. ביזטו א נאר ליזא ! און דו ווארטסט אויף דעם יונג, ווי הייסט ער דארט... יאקוב ! צו וואס קומט ער צו דיר, דער ריטער דיינער ? ער וועט דאך נישט וויסן וואס צו טאן מיט דיר, זאג, אז איר וועט בלייבן אליין, וואס וועט ער מיט דיר מאכן ?

ליזא : — (גרייט צו וויינען.) דו רעדסט אזוי שרעקלעך, ווי איז מיר, איך וועל מיך איצטער שעמען פאר אים, (ווייזט אויף גרינשטיינס צימער.) דו ווייסט דאך אז איך בין נישט דו, דו ביזט שוין גרייט אוועקצווווארפן דיין נייעם געליבטן צו־ליב גרינשטיינס וואנסעס, ניין ! דאס איז שרעקלעך.

ראזא : — ער איז אבער א מאן, אנ'אמתער, א העלדישער מאן, מען קען דאך שטארבן אין זיינע ארעמס.

ליזא : — לאז מיך, כ'האב שוין גענוג, כ'בעט דיך, רעד נישט צו מיר אזוי, (קוקט אויפן זייגער) ווי איז מיר, ער... ער... קומט באלד.

ראזא : — ער קומט באלד (לאכט איראניש) כ'וועל דיר נישט שטערן, וואס קען מען דיר איבערהויבט שטערן (מען קלאפט) (גרינשטיין דערשיינט).

4־טע סצענע

(ליזא, ראזא, גרינשטיין)

גרינשטיין : — נו, ליבע מיידלעך, כ'בין געקומען אייך מאכן א פארשלאג. ווי איר הערט האב איך איצט געזעלשאפט, דאס זענען מיינע פריינט מוזיקער און ארטיסטן, איך וויל אייך פארשטעלן פאר מיינעם א חבר, א באקאנטער רעזשיסער, ער וועט זיך באקענען מיט אייערע סצענישע פעאיקייטן, מענטשן פארמאגן אפט באהאלטענע טאלאנטן וואס ווארטן אויף דעם צופאל, אז דער מאמענט קומט, מאכן זיי גרויסע קאריערעס, אלזא, קומט, איר קענט נאך אמאל מאכן גלענ־צענדיקע קאריערעס, מיינע חברים, אלץ אנגענעמע חברה, ווארט אויף אייך.

ראזא : — אנ'ארטיסטן ? א בארימטע ארטיסטן ! ווי שיין דאס קלינגט, מיינט איר אז דאס קען ווירקלעך אמאל געשען ?

גרינשטיין : — גאנץ מעגלעך, זער מעגלעך !

ראזא : — כ'גיי מיט אייך.

גרינשטיין : — און איר ליזא ?

ליזא: — איך, איך קען נישט.

גרינשטיין : — נו, זייט נישט קיין קינד, שעמט אייך נישט, און אז כ'וועל מיר אראפנעמען די וואנסן ?

ראזא : — לאזט איר, זי קען ווירקלעך נישט.

גרינשטיין : — (מען הערשט שטימען) א שאד, כ'מוז גיין, אלזא פריילן ליזא, דעצידירט אייך.

ליזא : — כ'בין איצט פארנומען.

גרינשטיין : — א שאד, אלזא א צווייט מאל, מיין ליבע שכנטע, זאגט איר מיר צו ?

ליזא : — כ'וויים נישט, אפשר !

ראזא : — נו, קומט ליבער מוזיקער (צו ליזען) וויל דיך גוט מיין טייערע, (מען קלאפט אין טיר) אריין.

5־טע סצענע

(די איבריקע און יאקוב)

(יאקוב קומט אריין, פארמאכט אונטער זיך די טיר, א יונגער בחור, מיט א נאאיוון געזיכטס־אויסדרוק. אונזיכער אין זיין האלטונג, דערזעענדיק די איבריקע בלייבט פארלעגן שטיין אומבאהאלפן. ליזא בויגט אפ דעם קאפ און א זייט, און מיד אויס ראזעס בליק. גרינשטיין און ראזא אבסערווירן יאקובן מיט איראנישן שמייכל, קוקן זיך דערנאך איבער מיט אײנאנדער, און שארן זיך ארויס.)

6־טע סצענע

(ליזא — יאקוב)

יאקוב : — (פאסט זיך.) א גוטן אוונט, פריילן ליזא !

ליזא : — (שטיל) א גוטן אוונט.

יאקוב : — (וויל מאכן א שריט פאראויס, איז פארלעגן און ווייסט נישט וואס אנצוהויבן.) א גוטן אוונט.

ליזא : — זעצט זיך.

יאקוב : — (פארשידענע קאמיש — נישט דרייסטע באוועגונגען וואס פארערגערן די שטימונג.) כ'האב אייך אפשר געשטערט ?

ליזא : — ניין.

יאקוב : — כ'האב נישט געוווסט אז איר האט באזוך.

ליזא : — ס'מאכט נישט אויס.

יאקוב : — האב איך מיך נישט פארשפעטיקט ?

ליזא : — ניין, ניין, (זעצט זיך אויף דער סאפע, און ווייזט אים א פלאץ לעבן זיך).

יאקוב : — (זעצט זיך נישט אויף דעם אנגעוויזענעם פלאץ, נאר

דערנעבן אויף א שטול.) כ'האב מיך זייער נעאיילט. (א פויזע.) וואס מאכט איר, פריילן ליזא ?

ליזא : — גאנץ גוט, כ'דאנק אייך.

יאקוב : — איר זייט נישט בייז אויף מיר.

ליזא : — פארוואס ?

יאקוב : — כ'האב אייך אפשר געשטערט ?

ליזא : — ניין, ניין, כ'האב דאך אייך שוין געזאגט אז איר האט מיר נישט געשטערט.

יאקוב : — איר זענט דודט זיך מיר, פון עפעס אומצופרידן.

ליזא : — נאט מיינער, איר פרעגט אזוי פיל אומזיסטע פראגן.

יאקוב : — (וויל עפעס זאגן, נאר דעצידירט זיך נישט, ביידע שווייגן, יאקוב וויל זיך באסן, און פרובירט א ברום טון א ניגון, ס'געלונגט אים נישט, און ס'קומט ארויס א פאלשער קלאנג, ביי ביידע טוישן זיך די פארבן אינ'ם געזיכט.)

יאקוב : — כ'האב צו אייך א ביטע, פריילן ליזא.

ליזא : — וואס אייגנטלעך ?

יאקוב : — נאר איר זאלט מיר ענטפערן !

ליזא : — נו, זאגט שוין.

יאקוב : — איר בייזערט זיך ?

ליזא : — (דערענרווירט) ניין, ניין ! כ'בייזער מיך נישט, וואס פאר א ביטע ?

יאקוב : — כ'זע אז איך ערגער אייך !

ליזא : — גאט מיינער ! זאגט שוין וואס.

יאקוב : — (דעצידירט זיך.) כ'האב אייך געוואלט בעטן איר זאלט אזוי גוט זיין, און מיר זאגן צו כ'לאנגווייליק אייך נישט, איר פארשטייט ?

ליזא : — צו איר לאנגווייליקט מיך נישט ?

יאקוב : — יא, צו כ'לאנגווייליק אייך נישט ?

ליזא : — ע... ע... ניין ! איר לאנג - ווייַ - ליקט מיך - נישט.

יאקוב : — כ'דאנק אייך.

ליזא : — פארוואס ?

יאקוב : — כ׳האב מיך זער נעשראקן, כ׳בין דאך דאס ערשטע מאל ביי אייך, ניין ! זאגט מיר דעם אמת, איז אייך מיין נעזעלשאפט אננענעם ?

ליזא : — (נערוועז, צופט דאס קלייד אויף זיך.)

יאקוב : — פארוואס שווייגט איר ?

ליזא : — וואס זאל איך דען זאגן ?

יאקוב : — צו כ׳לאנגווייליך אייך נישט.

ליזא : — ע... ע... איר, ניין, ניין !

יאקוב : — זער גוט, זער גוט, כ׳וואלט עס מיר נישט מוחל גע־ווען ! (א פויזע.)

ליזא : — דערציילט עפעס, הער יאקוב.

יאקוב : — כ׳זאל אייך עפעס דערציילן ?

ליזא : — יא, יא, דערציילט עפעס.

יאקוב : — (צוטומלט) וואס זאל איך אייך דערציילן ?

ליזא : — נו, וואס איר ווילט, עפעס אינטערעסאנטס.

יאקוב : — גוט, כ׳וועל מיך באמיען.

ליזא : — (אין דערוואַרטונג.)

יאקוב : — (זוכט עפעס אין זיכרון.)

א שטומע סצענע.

יאקוב : — איר ווייסט, כ׳זוך מיר א נייעם פאסטן.

ליזא : — א נייעם פאסטן, וואס איז דען געשען ?

יאקוב : — מען האט... ד. ה. כ׳האב אפגעזאגט מיין וויטערדיקע ארבעט, ווייל ע... ס׳געפעלט מיר נישט די באשעפטיקונג.

ליזא : — אלזא, מיט גליק.

יאקוב : — כ׳דאנק.

(א פויזע).

ליזא : — כ׳ווארט.

יאקוב : — וואס ?

ליזא : — איר האט דאך געוואלט עפעס דערציילן.

יאקוב : — הם... כ׳האב דאך אייך שוין דערציילט.

ליזא : — (באמיט זיך צו פאסן.)

יאקוב : — איר וואלט געוואלט כ׳זאל אייך נאך עפעס דער־ציילן ?

ליזא : — ניין, ניין, כ׳וויל גארנישט.

יאקוב : — איר ווילט נישט ?

ליזא : — כ׳וויל נישט, כ׳וויל נישט, (שפרונגט אויף).

יאקוב : — וואס איז פריילן ליזא ?

ליזא : — גייט, גייט, לאזט מיך אליין, כ׳וויל בלייבן אליין.

יאקוב : — כ׳פארשטיי נישט.

ליזא : — איר פארשטייט נישט, גייט פון דאנען, לאזט מיך אליין, (ליזא עפנט אים אויף די טיר, אין דער טיר שטייט גרינ־שטיין, ליזא צומישט, יאקוב פארלירט זיך אונטער גרינ־שטיינס בליק, און בעת דער לעצטער טרעט אריבער די שוועל, לויפט יאקוב ארויס, גרינשטיין פארמאכט אונטער זיך די טיר.)

7־טע סצענע

ליזא — גרינשטיין.

ליזא : — (לאזט זיך אראפ אויף דער סאפע, וויינט שטיל.)

גרינשטיין : — ליזא, קליינע שכנטע מיינע, זייט נישט בייז אויף מיר, כ׳האב נישט געקענט איינזיין ביי מיר, ס׳האט מיך גע־צויגן צו אייך ווי מיט א מאגנעט (נעמט איר האנט).

ליזא : — לאזט מיך, וואס ווילט איר פון מיר ?

גרינשטיין : — ליזאטשקע מיין שיינע, כ׳האב אייך ליב, שרעק־לעך ליב, כ׳האב אלע מיינע פריינט ארויסגעטריבן אונטערן אויסרייד פון קאפ־ווייטאק, נאר ווי טוט מיר נאר דאס הארץ, דו האסט עס מיר פארוואונדעט, טייער מיידעלע, נו, קוק מיך אן, (קושט איר היינט ביז איבערן עלנבויגן.)

ליזא : — לאזט מיך, וואס ווילט איר פון מיר, איך האב אייך

פיינט, אלע מענער האב איך פיינט, לאזט מיך צורו.

גרינשטיין : — ליזאטשקא, קוק מיך אן, זע ווי כ'וואלגער מיך ביי דיינע פיס, כ'האב דיך ליב, אלעמען האב איך אויעקגעשיקט, נאר ביי דיר זענען אלע מיינע געדאנקען, נו, קוק מיך אן, א בליק, ליזאטשקע !

ליזא : — (איר פנים ליכטערט זיך אויס, שמייכלט) איך האב אייך פיינט, איר זענט לאנגווייליק.

גרינשטיין : — נו, קוק מיך אן (נעמט איר ארום).

ליזא : — לאזט מיך, איך האב אייך פיינט (קושן זיך).

גרינשטיין : — מיין שייניניקע !

(מען קלאפט אין טיר)

ליזא : — ווי איז מיר !

גרינשטיין : — שוויינ ! אייז אויגנבליק (שטעלט זיך אין א ווינקל.

ליזא : — אריין.

8-טע סצענע

די זעלבע און ראזע)

ראזא : — ליזאטשקא ! ביזט אליין ?

ליזא : — יא... אליין...

ראזא : — און יאקוב ?

ליזא : — רעד נישט וועגן דעם יונגל.

ראזא : — און וואס האב איך דיר געזאגט ? אז דו ביזט א נאר, אבער דיין שכן, דיין מוזיקער, דאס איז א מאן, כ'בין ענטציקט פון אים, א שאד נאר וואס ער האט פלוצלונג באקומען קאפ-ווייטאק, און מיר האבן געמוזט אוועק, כ'בין שוין געווען ווייט, און געמוזט צוריק קומען, כ'האב זיך נעמוזט מיט דיר טיילן וועגן דעם איינדרוק וואס דער גרינשטיין האט אויף מיר געמאכט, כ'בין באראישט פון אים, דארט זענען געווען נאך שיינע מענער, אבער ווי קומען

זיי צו אים ! אויף מארגן האב איך צוגעזאגט ביי אים צו זיין, כ'וועל נישט גיין אויף דער ראנדעוו מיט לעאנען, פארוואס האסטו מיך ביז איצט נישט באקענט מיט דיין שכן ?

ליזא : — לאז מיך, כ'בעט דיך, כ'האב קאפ-ווייטאק.

ראזא : —קאפ ווייטאק, אלע האבן זיי היינט קאפ-ווייטאק, נו, זאל זיין אזוי, אבי דו האסט ארויסגעווארפן דאס יונגל, א מאן דארף זיין א מאן, נו, כ'וועל דיר נישט שטערן, אלזא ביז מארגן מייז טייערע, כ'בין אזוי אומגעדולדיק (קושן זיך) אדיע !

(אפ.)

9-טע סצענע (ליזא-גרינשטיין.)

גרינשטיין : — (שמייכלט.)

ליזא : — לאזט זיך פארשעמט אראפ אויף דער סאפע)

גרינשטיין : — (זעצט זיך צו נעבן איר) מיין טייערע ליזאטשקע ! (קושן זיך). נו, זאל איך אפשר אפשערן מיינע וואנסן ?

ליזא : — (שמייכלט, גלעט די וואנסן.) ניין, לאז זיי, ביזט אזא שיינער....

פויערהאנג

פאריז, 1927.